STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05579

IDISH FAR ONFANGER

Baruch Ostrovsky

*Permanent preservation of this book was made possible
by Jacob & Rosamunde Meisel
in memory of
Marcus Meisel*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. אסטראָווסקי
ש. הורוויץ
(זאַלקעס)

אידיש
פאר אָנפאַנגער

א.

אילוסטרירט פון
יהודא גאָמבאַרג

ארויסגעגעבן פון פארלאג:
פאָלק-שול

הויפט פארקויף
מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט

פינפטע אויסגעבעסערטע אויפלאַגע, יאַנואַר, 1930.

Copyright by

B. Ostrowsky & S. Hurwitz

1930

אַ מ

אַ מ

אַ. אַ. אַ. אַ. אַ. אַ.

מ. מ. מ. מ. מ. מ.

מאַ. מאַ. מאַ. מאַמאַ.

אַ. אַ. אַ. אַ. אַ. אַ.

מ. מ. מ. מ. מ. מ.

מאַ. מאַ. מאַ. מאַ. מאַמאַ.

מאַמאַ



ל ע

ל ע

לעמעלע מע.

אַלע: מאַמע. עמאַ.

מאַלע. לעמעלע. אַלע:

מע. מע. מע. מע.

מאַמע. מאַלע. עמאַ. לעמעלע.

אַלע:

לאַ. לאַ. לאַ. לאַ.



ש ש אַ אָ

מאָל, מאַשע,

אַ שאָל. אַלע מאָל

אַ שאָל, אַלע מאָל

1 מאָל אַ שאַל,

1 מאָל אַ שאָל.

עמאַ, מאַלע, מאַשע.

אַלע:

שאַ. שאַ. שאַ. שאַ.

אַלע:

לאַ. לאַ. לאַ. לאַ.



ר ר פ פ

שער, שער, שערעלע.

אַ פאַר עמעלע.

אַ פאַר אַרעלע.

אַ פאַר מאַשעלע.

אַ  פאַר לעמעלע.

מאָל אַרעלע, אַ שאַפּע, מאָל אַ
פאָר, פאָר, אַרעלע.
פאָר, פאָר, עמעלע.

אַלע:

מאַ. מאַ. מאַ. מאַ.

אַלע:

לאַ. לאַ. לאַ. לאַ.



ס ס ט ט

סעמעלע עסט. עטעלע עסט

טאַטע עסט סאַלאַט.

אַ טעלער סאַלאַט!

סעמעלעס טעלערל פאַלט.

-אָ, מאַמע, טעלערל פאַלט!

-שאַ, סעמעלע, עס.

מאָטעלע, עטעלע,
סעמעלע, טעמעלע.
אַלע:
טראַ-לאַ-לאַ. טראַ-לאַ-לאַ
אַלע:
מאַרש. מאַרש. מארש.
-שאַ, מאָטעלע, שאַ, סעמעלע.
טאטע שלאָפט.



נ ן י י

אַ ניסעלע.

נאַ אַ ניסעלע, סעמעלע.

ניט פֿאַרליר, סעמעלע,
ניט פֿאַרליר!
נים פֿאַר מיר, נים פֿאַר מיר
טעלער פּיר, שיסל פּיר.

איט אַ פּיסעלע אַ טריט
איט אַ אַ פּיר
ניסעלע פֿאָרט, ניסעלע פֿליט.

אי. אי. אי. אי. אי. אי

איטעלע פליט.
איטעלע פאַלט. אי. אי. אי.
-שאַ, איטעלע, שטיל.
סעמעלע נעמט איר פאַר
אַ סעמעלע פירט איר.

ז ז

אין שאַפע אַ טעלער מיט מאַלינעס.
איטעלע נעמט מאַלינעס, נאַשט.
-ניטע, איטעלע, ריר ניט!
נאַ אַ לעפעלע, עס מיטן לעפעלע.

אַ פאָן.

אַלע שילער מיטן לערער.
מיר מיט אַלעמען:
מיט סעמעלען, מיט
איטעלען, מיט מירעלען,
מיט אַרעלען.

מיר פאָרן. אַלע מיט פאָנען.
אַ פאָן פאַר סעמעלען,
אַ פאָן פאַר איטעלען.
מיר מאַרשירן.
אַלע פאָנען פלאַטערן.
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ.

כ כ ך ך

כא. כאַ. כאָ. כאַ.

טאַטע לאַכט: כע. כע. כע.
מאַמע לאַכט: כאַ. כא. כאַ.
סעמעלע לאַכער לאַכט פאַר אַלעמען:
כע. כע. כע.   כאַ. כאַ. כאַ.
כי. כי. כי.   כאָ. כאָ. כאָ.
לאַך, לאַך, סעמעלע.



איך מאַך שיך.
איך פאַרריכט שיך.

סעמעלע לאַכט מער ניט.
ער פאַרריכט איטעלעס
שיכעלאַך. אַט אַ לעכעלע
אין 1 שיכעלע. נאָך אַ
לעכעלע. 1, 2, 3, פיר
לעכעלאַך. כאַ. כאַ. כאַ.
איך פאַרריכט שיך.
איך מאַך שיך.

ז

סעמעלע שוסטער.

סעמעלע שוסטער רופט:
איטעלע, איטעלע, איכל
נעמען אַ מאָס. איכל מאַכן
שיך. נעמט ער אַ מאָס פון
איטעלעס פוס. נעמט אַ
מעסער, אַן אָל.
מאַכט פאַר איטעלען שיך.
—סאַראַ שיך איך מאַך.
סאַראַ שיך.
נעמט איטעלע מעסט אָן
אַ שיכעלע.

—מאַמע, סאַראַ שיכעלאַך
סעמעלע מאַכט פאַר מיר!

או   או

סעמעלע און איטעלע.

סעמעלע טוט אָן איטעלען
און פירט איר אין שול.
ער פירט איר אַלע מאָל
אין שול.
איטעלע פליט שנעל,
שנעל און פאַלט.
לאַכט סעמעלע און רופט:
—פלי ניט, איטעלע, פאַל ניט.



ם ם

ה ה

האַם, האַם, הינטעלע.

סעם מאַרשירט אין שול.
האַלט אין האַנט טאָרט.
פליט אונטער אַ הונט, טוט
אַ ריס סעמעלעס טאָרט
און... האַם.
מאַכט סעם:

**אַהאַ, הונט! עסט סעמעלעס
טאָרט. לערן, הונט,
אָנשטאָט סעמעלען
אין שול.**

איטעלע טוט אָן איר העל מאַנטעלע.
איר היטעלע און אירע שיכעלאַך.
נעמט אין האַנט איר העלן שירעם
אָט פליט הינטעלע.
— האַ־אוו, האַ־אוו מאַכט הינטעלע.
נעם מיך מיט, איטעלע.
— נאַ, הינטעלע, נעם שירעמל.
הינטעלע האַלט איטעלעס שירעמל. פליט
שנעל, שנעל.
איטעלע נאָך אים.



גי   ײ:

ג   ײ:

גײ, גײ, ביטעלע!

גײ, גײ, ביטעלע!
שטעל אַ פיסעלע.
מאַך אַ טריטעלע.
גיכער, גיכער
אַלײן, אַלײן, ביטעלע.
פאַל ניט, ביטעלע!
נאָך אַמאָל, נאָך אַמאָל.

שטײ ניט. גײ, גײ, גיכער, שנעלער!
איטעלע לערנט ביטעלען גײן.
סאַרא גוטע איטעלע.

פליט אַ פייגעלע.

אַ שיינער טאָג, אַ פריילעכער טאָג!
פייגעלעך פליען אַרום.
אָט פליט אַ פייגעלע, געל
פליגעלע. פליט אַהער, פליט אַהין.
פלי ניט, פייגעלע, רופט איטעלע,
שטיי, שטיי. נאַ אַ גערשטעלע, עס.
פרר... פרר... פרר...
פייגעלע פאָלגט ניט. פייגעלע פליט
אין אַ פריילעך ניגעלע.
סאַראַ שיינער טאָג,
סאַראַ פריילעכער טאָג!

ז ז

זומט אַ פליג.

ז... ז... ז... זומט אַ פליג
זום... זום... זום אַרום און אַרום.
אָט לאָזט זי זיך אונטערן סופיט.
זעט זי פון פענסטער אַ גרינעם גאָרטן.
טוט זי זיך אַ לאָז, אַ פאָך מיט די
פליגלאַך.
און... טראַך אין גלאָז.
נעמט זי אַרומפליען אַהין און
אַהער:
— זום... זום... זום... לאָזט מיך,
לאָזט מיך פליען אין גאָרטן.
זעט זי איטעלען.
— לאָז מיך אין גאָרטן, לאָז מיך!
און טוט זיך אַ שטעל איטעלען אַפן
נעזעלע.

— אי... אי... אי... אַזאַ שלעכטע
פליג, אַזאַ שלעכטס. נאָר אַפן נעזעלע,
נאָר זי שטעכט.

זום...זום...זום... זומט אַ פליג.
לאָזט איך אין גאָרטן.
פאַרהאַלט איך ניט!
ז...ז...ז...זום...זום...זום.



ד ד

דין... דין... דין...

דין... דין... דין...

לאָזט דורך, לאָזט דורך!
דאָס פּאָרט סעמעלע מיט מאָטעלע,
איטעלע מיט סערעלע, מענדעלע מיט
הירשעלען. אַלע מיט די שליטעלאַך
אין די הענט מיט פרײד און געזאַנג
פליען זײ אַהין און אַהער. אין פראָסט
און אין שנײ פליען זײ...
דין... דין... דין...



אינדעלע אינדעלע.
איך דיר אַ רענדעלע,
דו איר אַ פענדעלע.
איך דיר אַ פידעלע,
דו איר אַ לידעלע.
הָאלדער... הָאלדער... הָאלדער...



ײַ ײַ

אַ מײַזעלע

איטעלע דערזעט אַ מײַזעלע. שרײַט זי:

— מאַמע, מאַמע, אַ מײַזעלע איז דאָ!

— שרײַ ניט איטעלע, דאָס מײַזעלע זוכט נאָר עסן פאַר זיך און פאַר אירע מײַזעלאַך. לײג זיך שלאָפן.

רס... רס... רס... הערט זיך פון אונטער דער שאַפע.

איטעלע טוט זיך אַ דרײ אין אַ זײַט, זעט זי דאָס מײַזעלע פליט אונטערן טיש.

— מאַמע, שרײַט א י ט ע ל ע, אַ מײַזעלע.

ק ז

ק ז

אַ הויז מיט אַ קוימען.

הײַנט איז אַזאַ שײנער, פֿרײלאַכער טאָג. סאָפּי מיט עטעלען, סעמעלע מיט מירעלען, אַלע זײַנען דאָ, אַלע פֿליען אַרום, זינגען, לאַכן.

— קינדער, זאָגט סעם, לאָמיר מאַכן אַ הויז.

— גוט, ענטפֿערט סאָפּי, לאָמיר טאַקע מאַכן אַ הויז. אַ גרויס הויז מיט פֿענס־

טער, מיט טירן, מיט אַ הויכן קוימען.

לאָזט זיך פּלינק דער קליינער סעם, נעמט אָן אַ קעסטעלע פול מיט פּייכטן זאַמד און אַ קעסטעלע מיט שטיינדלאַך.

אַלע נעמען זיי קנעטן, גלעטן מיט די הענטלאַך. אַ גלעט אַהין, אַ גלעט אַהער. אָט שטייט שוין פאַרטיק אַ גרויס, שיין הויז מיט פענסטער און טירן, מיט אַ הויכן קוימען.

דערנאָך מאַכן זיי אַ גרויס פייער.

דאָס פייער פלאַקערט, פון קוימען גייט אַ רויך.

אַנטקעגן אונזער פענסטער שטייט
אַ הויז פון דריי שטאָק. פון פענסטער
זעען זיך די מאַשינען, די רעדער

דרייען זיך, רויש. פון הויכן קוימען
גייט אַ רויך.
אָפט קומען אָן פורן זאַנגע-
לאָדן מיט קוילן, גלאָז און שטיינער.
זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט
עפנט זיך טיר און טויער. מענער,
פרויען לאָזן זיך גיין אַהיים.

ב ב

אַ בּיכעלע פּאַר בּערעלען.

די באָבע האָט געבראַכט בערעלען
אַ ביכעלע מיט בילדער.
בערעלע האָט דאָס ביכעלע געבלע־
טערט, באַטראַכט די בילדער.

דערנאָך האָט ער גענומען ד ע ם טאַטנס בלײַפעדער, גענומען מאָלן, נאָכ־מאַכן דיזעלבע בילדער.

ער אַרבעט אַזוי פלײַסיק אַ שטונדע נאָך אַ שטונדע, ער פאַרשמירט אַלע ביכער, אַלע העפטן.

ב ע ר ע ל ע איז גליקלאַך. קײַנער שטערט אים ניט אין זײַן אַרבעט.

פאַרענדיקט די אַרבעט נעמט זיך בערעלע פאַר דער שער. ער שנײַט אַרום עטלאַכע בילדער מיטן שערעלע. באַהאַלט זײ בײַ זיך אין טישקעסטל. דאָס איז פאַר עטעלען.

אָט אַזוי אַרבעט בערעלע!

קוקאַריקו האָן!

קוקאַריקו האָן!
די בעטלער קומען אָן...
דער אין לאַטעס,
דער אין שמאַטעס,
דער אין מאַנטעלאַך פון זײַד.
קוקאַריקו האָן!
די בעטלער קומען אָן...

בעני דער אייסטער.

דער קליינער בעני האָט ליב טאָן
אַרבעט. שטענדיק איז ער פאַרנומען.
ער קלייבט אָן אַ פולע שטוב מיט
ברעטלאַך, מיט קעסטלאַך ער שאירט
שערט, זעגט.

אָט, האָט ער היינט זיך גענומען
מאַכן ביינקלאַך פון ברעטלאַך.
ער מאַכט שוין דאָס דריטע בענקל.
פלינק, געשיקט גייט די אַרבעט.

אוי ער פאַרשטעכט זיך
אַמאָל אַ פינגער, טוט ער אַ בלאָז,
אַ דריי מיטן הענטל. פאַרטיק
פאַרענדיקט די אַרבעט שרייט
ער:

-מאַמע, גיב עסן!



פּערעלע.

פּערעלעס פּאַפּאַ אַרבעט אין שאַפּ. פּאַרנאַכט קומט ער אַהײם אַ פּאַרמאַ־טערטער, אַ מידער.

פּערעלע דערזעט אים און לויפּט שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ. זי נעמט אים אַרום מיט אירע הענטלאַך.

— פּאַפּאַ, טײַערער פּאַ! געקומען

איז שטוב נעמט זיך פּערעלע פּאַר דער

אַרבעט: דערלאַנגט די טעלער, לעפל, מעסער, גאָפּל, ברויט און פּוטער. זי העלפט איר מאַמען.

— פּאַפּאַ, זאָגט פּערעלע, מאָרגן איז דאָך זונטיק. מאָרגן גייען מיר אין פּאַרק.

— זיכער, קינד מײַנס, ענטפערט דער פאָטער און גלעט איר בלאָנד קעפּעלע.

פּערעלע איז גליקלאַך. מאָרגן מיטן פּאַ אין פּאַרק!



האָפּ... האָפּ... האָפּ...
פערדל שפּרינג גאַלאָפּ.
איבער בערג און איבער שטיינער,
נאָר ניט ברעך דיר די ביינער.
פערדל אין גאַלאָפּ.
האָפּ... האָפּ... האָפּ...

ף

פּערעלע אַף דער פאַרם.

פּערעלע פאָרט מיט דער מאַמען אַף דער פאַרם. זײ פאָרן אַף דער פאַרם מיט אַ שיף. די שיף קומט אָן אַף דער פאַרם פאַרנאַכט.

פּערעלע לױפט אַראָפּ פון שיף אַ פרײלאַכע, אַ גליקלאַכע.

— מאַמע, רופט פּערעלע, זע סאַראַ שײנינקע הינדעלאַך, זע סאַראַ קלײ־נינקע, געלינקע.

זי כאַפּט אַ הינדעלע, גלעט מיט די הענטעלאַך.

פּערעלע דאַרף זײַן אומעטום: אַף דער לאָנקע, אַף די פּעלדער, אין גאָרטן. אָט רײַסט זי בלימעלאַך, אָט לויפט זי איבערן הויף נאָכן האָן מיט די רויטע שײַנע פּעדערן, אָט שפּילט זי זיך מיטן הינטל.

פּערעלע איז פרײלאַך, פּערעלע איז גליקלאַך!

פערעלע אויף דער פאַרם.

פערעלע פאָרט מיט דער מאַמען אויף דער פאַרם. זי פאָרן אויף דער פאַרם מיט אַ שיף די שיף קומט אָן אויף דער פאַרם פאַרנאַכט.

פערעלע. לויפט אַרויס פון שיף אַ פריילאַכע, אַ גליקלאַכע.

זי לויפט אַרום איבערן הויף, שפילט זיך מיטן הינטעלע, מיט די קליינע הינדעלאַך.

11. וו.

אַ וויגליד.

שלאָף, שלאָף, שלאָף.
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַן עפּעלע,
וועט זײַן געזונט דאָס קעפּעלע.

שלאָף, שלאָף, שלאָף.
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַ ניסעלע,
וועט זײַן געזונט דאָס פיסעלע.

שלאָף, שלאָף, שלאָף.
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַן ענטעלע,
וועט זײַן געזונט דאָס הענטעלע.



דער וואָלף.

אַמאָל האָט אַ וואָלף פֿאַרשלעפּט אַ שעפּעלע אין וואַלד און עס גענומען עסן. האָט זיך אים געשטעלט אַ ביין איז האַלז. רופט ער אויס:

— ווער עַס וועט מיר אַרויסנעמען דעם ביין פון האַלז, וועט באַקומען פון מיר אַ גוטן לוין.

קומט דער שטאָרך, שטעקט אריַין זיַין לאַנגן שנאָבל און שלעפּט פון דאָרטן אַרויס דעם ביין.

— נו, זאָגט דער שטאָרך, גיב מיר שוין, וועל־פעלע, מײַן לוין.

רופט זיך אָפּ דער וואָלף:

— גענוג, אַז דו ביסט געווען אין מײַן מויל און ביסט פון דאָרטן אַרויס אַ לעבעדיקער. דאָס איז דײַן לוין.

ווכוו וואו

וואו וואוינט מײַזעלע־גרײַזעלע?

ליגט אין פעלד אַ פערדישער קאָפּ.
לויפט מײַזעלע־גרײַזעלע פאַרבײַ:

— שטיבעלע־טורעמל! ווער וואוינט אין דיר?

קיינער רופט זיך ניט אָפּ. איז מײַזעלע־גרײַזעלע געבליבן אין טורעמל וואוינען און אַ גוטן טאָג לעבן.

קומט העזל קליין־נעזל:

— שטיבעלע־טורעמל! ווער וואוינט אין דיר?

— איך מײַזעלע־גרײַזעלע. און ווער ביסטו?

— איך בין העזעלע קליין־נעזעלע.

— קום וואוינען מיט מיר.

און זיי האָבן אָנגעהויבן לעבן אינאיינעם.
קומט אָן פּיקסל־מיקסל:

— שטיבעלע־טורעמל! ווער וואוינט אין דיר?

— איך בין מײַזעלע־גרײַזעלע און העזעלע קליין־נעזעלע. און ווער ביסטו?

— איך בין פּיקסל־מיקסל.

— קום וואוינען מיט אונז.
דערנאָך איז בערע־בער געקומען. אַ ברום געטאָן:

— שטיבעלע־טורעמל! ווער וואוינט אין דיר?

מײַזעלע־גרײַזעלע, העזעלע קליין־נעזעלע און פּיקסל־מיקסל. און ווער ביסטו?

און איך בין בערע־בער.

און בערע־בער איז אַרויף אויפן פּעדרישן קאָפּ און האָט זיי אַלעמען דערדריקט

אוי   אײ



שטערן פֿאַלן.

געלעבט האָט אַמאָל אַ קלײן מײדעלע. קײן טאַטן האָט זי ניט געהאַט און די מאַמע אירע איז אויך געשטאָרבן.

איז דעם מײדעלע געבליבן בלויז אײן קלײדעלע אויף איר לײַב און אַ שאַלעכל אויף איר קאָפּ. ניט מער.

אײנמאָל האָט דאָס מײדעלע גענומען אַ שטיקל ברויט אין האַנט און דאָס שאַלעכל אויף איר קאָפּ און אַוועק אין פֿעלד.

קומט אָן אַן אַלטער מאַן און זאָגט:

— הונגעריק בין איך, טאָכטער גיב מיר עפּעס אין מויל אַרײַן.

גיט אים אָפּ דאָס מײדעלע איר שטיקל ברויט.

אַ ביסל שפּעטער טרעפֿט זי אין פֿעלד אַ מײדעלע. בעט זיך בײַ איר דאָס מײדעלע:

— טײַערינקע, קאַלט איז מיר, העלף מיר, העלף. נעמט דאָס מײדעלע און גיט איר אָפּ איר שאַ־לעכל.

זעען עס די שטערן אין הימל און זאָגן:

— לאָמיר אַראָפּנידערן אויף דער ערד, זיך שפּילן מיטן מײדעלע.

און די שטערן האָבן גענומען פאַלן, פאַלן אויף דער ערד, נעבן מײדעלע.

זעט דאָס מײדעלע, אַז דאָס פעלד איז פול מיט פינקלדיקע אײדלשטײנער און פערל.

די מומע זעלדע.

הענגט אויף מײַנע אײגעלאַך
אַ שטימע הינטער מיר:
— זאָג, ווער איז דאָס, מאָטעלע,
וואָס שטײט דאָ הינטער דיר?
— איך ווײס ניט, מומע זעלדע!
דו האָסט דאָך מיך פאַרבלענדט.
ווי קען איך וויסן, אַז
דו נעמסט ניט אַפּער די הענט.

צ צ

ציפּ, צאַפּ, עמערל.

ציפּ, צאַפּ, עמערל
קום צו מיר אין קעמערל.
איך וועל דיר עפּעס ווײַזן —
שיסעלאַך פֿון אײַזן
מילך אין די קריגעלאַך —
קינדער אין די וויגעלאַך
שרײַען ווי די ציגעלאַך: מע, מע, מע.



צום פֿרילינג.

פֿרילינג גוטער, פֿרילינג ליבער,
קום צוריק צו אונז אַריבער,
קום און נעם דעם שנײ אַוועק,
און צום ווינטער מאַך אַן עק.
קום שוין, פֿרילינג, צו שפּאַצירן
און די פֿײגלען ברענג צופֿירן.
קום און ציר מײַן גאָרטן אויס
מיט אַ מאָן און מיט אַ רויז.

אינגעלע-צינגעלע.

אַמאָל איז געווען אַ באָבע מיט אַ זיידן.
קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט. איז
זיי געווען זייער אומעטיק
איינמאָל אין אַ ווינטער טאָג זיצט
זיך די באָבע אויפן גאַניק און שטריקט
אַ זאָק. זעט זי ווי עפּעצער קריכט
אַרויס פון גראָז און דרייפּעט זיך
צו איר אויפן שויס.
זי טוט אַ קוק ערשט ס'איז אַ
אינגעלע, אַ שיין אינגעלע, אָבער קליין,
ווי אַ קליין פינגערל די גרויס.
האָט די באָבע שפּעטער געבראַכט
דאָס קליין אינגעלע צום זיידן. און זיי
האָבן אים אַ נאָמען געגעבן:
„אינגעלע-צינגעלע"

פֿלעגט „אינגעלע-זינגעלע" אַרויפֿגיין
אויפֿן טיש צווישן די טעלער. פֿלעגט עסן
פֿון אַ נוס, און טרינקען וואַסער פֿון אַ
פֿינגערהוט און די באָבע מיט דעם
זיידן האָבן אים געהאָדעוועט און
האָבן זיך מיט אים זייער און זייער
געפֿרייט.

פיר צײַטן פון יאָר.

ווען עס פֿאַלט אַ שניי
אין דרויסן —
זילבער־פּעדערלאַך,
פּוכקע, ווײַס —
ווייסן דעמאָלט קליינע
קינדער,
אַז דער ווינטער איז אויף
דער וועלט.

ווען די בוימער
נעמען בליען,
פעלדער גרינען
פײגל זינגען —
ווײסן דעמאָלט קלײנע
קינדער,
אַז דער פרילינג איז אויף
דער וועלט.

ווען די זון נעמט בריען,
ווען די זון נעמט בראָטן,
קינדער פאָרן אויפן
לאַנד —
ווייסן דעמאָלט קליינע
קינדער,
אַז דער זומער איז אויף
דער וועלט.

ס׳איז=עס איז, אינ׳ם=אין דעם

פיר מאָל

ס׳איז געווען ווינטער. מאַטעלע האָט זיך גע־שליטלט אויף זײַן שליטעלע, געלאָפן איבערן אײַז. ער איז געקומען אַהײם אַ רויטער, אַ פרײלאַכער און געזאָגט צום טאַטן:

— טאַטע, סאַראַ לעבן עס איז ווינטער! איך וואָלט וועלן ס׳זאָל זײַן אַלעמאָל ווינטער.

— געדענק, מאָטעלע, מיר וועלן דאָס פאַרשרײַבן! האָט געזאָגט דער טאַטע און האָט פאַרשריבן מאָ־טעלעס ווערטער אינם ביכעלע.

ס׳איז געקומען דער פרילינג. מאָטעלע איז אַרום־געלאָפן איבער דער גרינער לאָנקע, געכאַפּט פלאַ־טערלאַך, געריסן בלומען.

מאָטעלע איז געקומען צום טאַטן און געזאָגט: „סאַראַ פאַרגעניגן ס׳איז דער פרילינג! איך וואָלט וועלן ס׳זאָל שטענדיק זײַן פרילינג״.

דער טאַטע האָט עס פאַרשריבן אינם ביכעלע.

ס׳איז געוואָרן זומער. מאָטעלע איז געווען מיטן טאַטן אין פעלד און אין וואַלד. אַ גאַנצן טאָג האָט ער פאַרבראַכט דאָרטן, געריסן בלומען, געקײַקלט זיך אין היי.

אין אָוונט זאָגט מאָטעלע צום טאַטן: „טאַטע, איך וואָלט וועלן, אַז דער זומער זאָל זיך קײנמאָל ניט ענדיקן!״

דער טאַטע האָט ווידער פאַרשריבן אינם ביכע־לע.

ס'איז אָנגעקומען דער האַרבסט. אין סאָד האָט מען צונויפגענומען די פּרוכט. רויטע עפּל און געלע באַרן. מאַטעלע האָט געהאָלפן. ער האָט געהאַט גענוג אַרבעט. ער האָט אויך געגעסן עפּל און באַרן וויפיל ער האָט נאָר געוואָלט.

— האַרבסט איז די בעסטע צײַט פון יאָר! האָט ער זיך אָפּגערופן צום טאַטן.

דעמאָלט האָט דער טאַטע אַרויסגענומען ס'בי־כעלע און געוויזן מאַטעלען, אַז דאָס זעלבע האָט ער געזאָגט ווען ווינטער, ווען פרילינג און ווען זומער.

בלומען בלוי־אייגעלע.

ס'איז אַמאָל געווען אַ מיידעלע. האָט זי געהייסן בלומעלע און געהאַט בלויאינקע אייגעלאַך. האָט ס'מיידעלע בלומעלע זייער ליב געהאַט בלומען. אָבער, אַז ס'איז געווען ווינטער, איז אַ שניי געפאַלן, וואו זאָל מען איר נעמען בלומען?

וואַרט ס'מיידעלע בלומעלע, וואַרט זי אַ גאַנצן ווינטער אויפן פרילינג. פּלוצלונג איז אָבער אָנגע־קומען אַ זון, אַזאַ ליכטיקע און וואַרימע. טראַכט בלומעלע, אַט איז שוין דער פרילינג געקומען. לויפט זי אין גאָרטן זוכן בלומען. ערשט זי גיט אַ קוק: ניטאָ נאָך קיין בלומען, ניטאָ קיין גרעזעלע.

ווערט זי זײער טרויעריק און לויפט אַרײַן צו זיך אין צימערל און װײנט. אַזוי ווי זי װײנט, ווערט פּלוצלונג כמאַרנע אין דרויסן און אַ רעגנדל הײבט אָן צופאַלן, גיך־גיך. פּלוצלונג ווערט מיטאַמאָל ליכטיק. אין גאָרטן ווערט אַזוי שטאַרק פֿרײלאַך... טאַנצן און זינגען די פֿײגעלאַך אויף די בוימער.

לויפט אַרויס בלומעלע אין גאָרטן. טוט זי אַ קוק: ווײ! אַזוי פֿיל בלימעלאַך, קלײנינקע, ווײַסינקע בלעטעלאַך מיט בלאַנקע אײגעלאַך. האָט בלומעלע אָנגעריסן בלימעלאַך און געלאָפֿן אין שטוב אַרײַן דערצײלן דער מאַמען. פֿרעגט איר די מאַמע:

— בלומעלע, ווי אַזוי וועלן הײסן די בלימעלאַך?

ענטפֿערט בלומעלע, אַז די בלימעלאַך האָבן גרינינקע בלעטעלאַך, אויף די בלעטעלאַך זײַנען פֿאַראַן בלויע אײגעלאַך. וועט זי זײ אַ נאָמען געבן: בלימעלע בלוי־אײגעלע.

פֿון דעמאָלט אָן רופֿן די קינדער אָן אַזוינע בלימעלאַך: „בלוי־אײגעלע“.



אַ רעגנדל.

טריפּט אַ רעגענדל,
טריפּט אַ רעגנדל,
קאַפּ, קאַפּ !

נאָר די קינדערלאַך,
אויפן רעגנדל :
האָפּ, האָפּ !

אין שײַבעלאַך,
אין די דעכעלאַך :
קלאַפּ, קלאַפּ.

אין דעם לויטערן,
קלאָרן וואַסערל :
האָפּ, האָפּ !

און די פֿייגעלאַך
מיט די הינדעלאַך :
ציפּ, ציפּ !

אויס דאָס רעגנדל !
שײַנט אַ זונעלע :
שײַן, שײַן !

צו די סטריכעלאַך,
צו די דעכעלאַך :
היפּ, היפּ.

און די קינדערלאַך,
אַלע אין וואַסערל :
פֿײַן, פֿײַן !



צ צ

אַ ציגעלע פאַר צווײ גילדן.

דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
פון ערגעץ וואו געברענגט.
פאַר צווײ גילדן אַ ציגעלע
די קינדערלאַך געשײנקט.

טאַנצט אַרום דאָס ציגעלע —
דאָס ווײַסינקע אין הויט.
איז אַ שוואַרצע קאַץ פאַראַן
כאַפּט זי, פרעסט עס אויף.

אָ, היט זיך, היט זיך, קעצעלע,
דער הונט איז אויפן פּלאַץ!
ער גיט אַ ביל, ער גיט אַ שפּרונג —
און עק שוין פון דער קאַץ.

די קאַץ אין מאַרק.

איינס און צוויי און הויך און שטאַרק,
גייט די קאַץ אַרום אין מאַרק;
קויפן רעטאַך, קויפן ריבן!
קויפן אוגערקעס און כריין...
קומט זי אויפן מאַרק צוגיין —
ערשט ס'איז גאָרנישט ניט פאַרבליבן.
טו און מאַך, וואָס הייבט מען אָן?
כאַפּט זי ערגעץ וואו אַביין
און אַנטלויפט צוריק אַהיים

די קאַץ און דער אָדלער

אַ קאַץ מיט איר׳ע קליינע קעצעלאַך
האָבן זיך געשפּילט אויף אַ הויף.
פּלוצלונג האָט זיך פון ערגעץ
גאַנץ הויך אַראָפּגעלאָזט אַן אָדלער.
דער אָדלער האָט געכאַפּט
איינס פון די קעצעלאַך און זיך
געוואָלט אויפהייבן מיט אים.
די קאַץ האָט עס גלייך
באַמערקט. זי האָט זיך אַ וואָרף
געטאָן אויף דעם אָדלער און
גענומען קראַפּן מיט אים.
דער אָדלער האָט אָפּגעלאָזט דאָס
קעצעלע און גענומען שלאָגן די קאַץ
מיט זיין שאַרפן שנאָבל און
דראַפּען זי מיט זיינע שאַרפע נעגל.

אָבער די קאַץ האָט אויך
ניט געשוויגן. זי האָט אים אָנגע־
כאַפּט פאַר אַ פליגל און אָפּגעביסן
אים דעם פליגל.

נאָכדעם האָט זי אים
אָנגענומען פאַרן האַלדז און איבער־
געביסן אים.

ווען דער אָדלער איז
געווען טויט, האָט די קאַץ
גענומען אויסלעקן איר קעצעלע,
וואָס האָט פאַרזובט די נעגל פון
דעם אָדלער.

טש

אויף דעם הויכן באַרג.

אויף דעם הויכן באַרג,
אויף דעם גרינעם גראָז,
שטייען אַ פּאָר דײַטשן
מיט די לאַנגע בײַטשן.
הויכע מענטשן זײַנען זיי,
קורצע קליידער טראָגן זיי,
צען טאָלער פֿאַרמאָגן זיי.
פֿײַגן אין די טאַשן,
מעד אין די פֿלאַשן,
ביר אין די קרינגעלאַך,
קינדער אין די װיגעלאַך.

דער לינגער.

מיט אַ לאַנגער בײַטש אין האַנט האָט מיכל געטריבן די טשערעדע צום וואַלד.

אײנמאָל האָט זיך מיכלען פאַרגלוסט אויסצולאַכן פון די דאָרפסלײַט. האָט ער אָנגעהױבן צו שרײַען:

— וועלף! וועלף! ראַטעוועט! זײַנען זיך צונויפגעלאָפן די דאָרפסלײַט מיט שטעקנס און העק, נאָר זײ האָבן קײן וועלף ניט געטראָפן.

האָבן די דאָרפסלײַט פאַרשטאַנען, אַז מיכל האָט זײ אָפּגענאַרט. זײַנען זײ בײזע אַוועק צוריק אין דאָרף.

אויף מאָרגן איז פון וואַלד אַרויסגעלאָפן אַ וואָלף און האָט זיך געלאָזן צו דער טשערעדע.

מיכל האָט גענומען שרײַען:

„ראַטעוועט, מענטשן, אַ וואָלף, אַ וואָלף!"

די דאָרפסלײַט אָבער האָבן געמײנט, אַז ער מאַכט ווידער שפּאַס פון זײ, און קײנער איז אים צו הילף ניט געקומען.

דער וואָלף האָט זיך אַרײַנגעריסן אין טשערעדע און דערוואָרגן דרײַ שעפּסלאַך.

דער ערשטער שנײ.

אויף די פעלדער איז עמיץ
אַ ווײַסער געפלויגן;
ער האָט אַלע טײַכלאַך
מיט זילבער באַצויגן.
ער האָט אויף די לאַנקעס
זײַן מאַנטל פאַרלאָרן...
גאַנץ וועלט איז פון דעמאָלט
אַ ווײַסע געוואָרן.

דאָס שנײ מענטשעלע.

דרויסן איז געפאַלן אַ ווײַסער שנײ. און די קינדערלאַך האָבן זיך געשפּילט אויפן הויף. דאָס שפּיל איז געווען אַזאַ: מען האָט געמאַכט א קויל פון שנײ און פון דער קויל האָט מען נאָכדעם

געמאַכט אַ מענטשעלע מיט שוואַרצע קױלן אַנשטאָט אױגן און אַ נאָז.

רופט זיך אָפּ סעמעלע:

— דאָס שנײ־מענטשעלע װעט הײסן שטיפּערל.

— פאַרװאָס שטיפּערל? האָבן די אינגלאַך מיט רױטע פאַרפראָרענע הענטלאַך געפרעגט.

װײַל שטיפּערל, האָט סעם געענטפערט, איז געװען אַזאַ שלעכט אינגעלע... װעט ער דער־הערן, אַז מען רופט דאָס שנײ־מענטשעלע מיט זײַן נאָמען, װעט ער פאַרשטײן, אַז מען באַדאַרף זיך אױפפירן בעסער.

די אינגלאַך האָבן אײַנגעשטימט. דאָס שנײ־מענטשעלע, װאָס האָט געלעבט נאָר דרײַ טעג, האָט מען אַ נאָמען געגעבן שטיפּערל.

אויפן גליטש.

ס'איז אַ ווייַסע קאַלטע וועלט,
נאָר ניט שרעקט זיך פֿאַר דער קעלט.

ס'איז געזונט און פֿריש די לופֿט,
און דער באַרג דער הויכער רופֿט:

— איך בין הויך און ווייַס און גלאַט,
ווער פֿון אייַך איז נאָר אַ כוואַט,

שטייַגט אַרויף צום סאַמע שפּיץ
און אַ לאָז זיך אויפֿן גליטש!

האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!
גלייַך אַרונטער באַרג אַראָפּ!

זש

צווי זשאַבעס

נעבן טײַכל אויף אַ שטײַן
זיצן זשאַבעס צוויי אַלײן
פֿײַנע, דיקע זשאַבעס צוויי —
און זיי רײדן זיך אַזוי.

קוואַ... קוואַ... קוואַ... עס ווערט שוין קאַלט
אָט איז שוין אוים זומער באַלד!
אוים זומער! קוואַ... קוואַ... קוואַ...
סאַראַ מאָדנע וועלט אַזאַ!...

הירזשענע קאַשע.

געווען אַמאָל אַ מיידל, זייער אַ וואוילע. איר מוטער איז געווען אַן אָרימע. זיי האָבן געוואוינט אין אַ קליין הייזעלע. איינמאָל האָט זיי ניט גע־סטייעט קיין ברויט. זיינען זיי געזעסן הונגעריקע.

זאָגט ס'מיידעלע: וואָס זשע טוט מען? לאָמיך גיין אין וואַלד, טאָמער וועל איך עפּעס געפינען פאַר זיך און פאַר דער מאַמען צום עסן. איז זי אַוועק. קומט איר אַנטקעגן אַן אַלטינקע. די אַל־טינקע האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס מיידעלע מיט איר מאַמען הונגערן. דערלאַנגט זי דער מיידל אַ טעפּעלע און זאָגט:

— אַז דו וועסט וועלן עסן, זאָלסטו זאָגן צום טעפּעלע: „קאָך, טעפּעלע, קאָך!" ועט דאָס טעפּעלע אָנהייבן קאָכן אַ הירזשענע קאַשע — אַ גוטע, אַ געשמאַקע. ווען סטו עסן, וועסט דער מאַמען געבן, נאָכדעם זאָלסטו זאָגן: „גענוג, טעפּעלע, גענוג." וועט דאָס טעפּעלע אויפהערן צו קאָכן.

ס'מיידעלע האָט גאָר פיין באַדאַנקט דער אַל־טינקער, איז געקומען אַהיים, געהייסן דעם טעפּעלע קאָכן, האָט דאָס טעפּעלע אויפגעקאָכט אַ היר־זשענע קאַשע — אַ געשמאַקע, אַ זיסע. מער האָבן שוין דאָס מיידעלע מיט דער מאַמען ניט געהונ־גערט, וואָרים זיי האָבן געגעסן קאַשע צוזאַמ.

2

איינמאָל איז דאָס מיידעלע אַוועק שפּאַצירן. דער מאַמען האָט זיך דערוויילע פאַרוואָלט עסן. וואָס זשע טוט מען? זאָגט זי צום טעפּעלע: „קאָך, טעפּעלע, קאָך," האָט דאָס טעפּעלע געקאָכט. די

מאַמע האָט אָפּגעגעסן, האָט זי געוואָלט זאָגן, דאָס טעפּעלע זאָל אויפהערן קאָכן, האָט אָבער פאַרגעסן, וואָס מע דאַרף זאָגן.

האָט דאָס טעפּעלע אַלץ געקאָכט, איז געוואָרן פול. די קאַשע איז אַריבער די ברעגעס, האָט זיך געגאָסן אויפן טיש. פון טיש — אויף דער פּאָדלאָגע. איז גאָר די שטוב פול געוואָרן מיט קאַשע, און דאָס טעפּעלע קאָכט נאָך און קאָכט.

האָט זיך די קאַשע געגאָסן פון שטוב אַרויס אין הויף אַרײַן. פון הויף אין גאַס, פון איין גאַס אין דער צווייטער. און אויפן וועג, און אויפן פעלד, און איבער טאָל און איבער באַרג. און דאָס טעפּעלע קאָכט נאָך אַלץ און קאָכט. האָט, דאַכט זיך, געוואָלט די גאַנצע וועלט אַנקאַרמען מיט הירזשענע קאַשע.

די שטאָטלײַט האָבן זיך דערשראָקן. זיי האָבן געמיינט: אַ קאַשע פאַרפלייצט די גאַנצע וועלט. נאָר וואָס האָבן זיי געקענט מאַכן?

זײַנען נאָר צוויי הײַזער געבליבן אין שטאָט, וואָס די קאַשע האָט זיי ניט פאַרדעקט. ערשט דעמאָלט איז דאָס מיידעלע געקומען פון שפּאַציר. האָט זי דערזען, וואָס דאָ טוט זיך, און געהייסן: „גענוג, טעפּעלע, גענוג". האָט דאָס טעפּעלע ערשט אויפגעהערט קאָכן.

און אַז עמיצער האָט געוואָלט איבער שטאָט אַדורכגיין, האָט ער געמוזט אויפעסן אַ פולע—אַ פולע קאַשע, ביז ער האָט זיך אַ וועג אין גאַס פרײַ געמאַכט.

יע, יאַ, יאָ. יע, יאַ, יאָ

דער יעגער

יאַנקעלע וויל אַ יעגער זײַן,
יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַרײַן,
שיסן וויל ער נאָר אַ בער,
דאַרף מען דאָך געווער.

אונזער יאַנקעלע דערזעט:
אין ווינקעלע אַ בעזים שטײט.
מיטן בעזים וועט ער יאָגן
און אַ גרויסן בער דערשלאָגן!

ער קאָן אין שטוב שוין מער ניט בלײַבן;
וויל דעם בעזים אונטערהײבן,

שוועדער בעזים קערט זיך איבער,
און דער בעזים פאַלט אַריבער.

נישט קיין בער און נישט קיין האָז,
און צעשלאָגן זיך די נאָז!
ער וויל שוין ניט אין וואַלד אַריין,
ער וויל שוין ניט קיין יעגער זיין!

לין-ליאַ

לין-ליאַ

מיין ליוסי.

סײַ דער טאַטע, סײַ די מאַמע
צו דער אַרבעט שוין אַוועק;

איז געבליבן איך און ליוסי
איז נאָך ליוסי נאָר אַ שנעק.

וואָס איך טו נאָר שלאָגט זי איבער.
אַרבעט האָב איך דאָך אַ גוואַלד
נאָך פאַרענדיקן דאָס וועגל
און צו פאָרן נאָך אין וואַלד.

נאָר מײַן ליוסי שטערט די אַרבעט,
רײַסט פון הענט מיר דאָס געצײַג;
בין איך טאַקע ווי געפּענטעט
ווי אַ פויגל אין אַ שטײַג.

ליוסי, ליוסי, נאַ אַ גלעקל!
נאַ אַ קעסטעלע מיט קנעפּ!
קוק, עס ווײַנט דײַן שײנע ליאַלקע,
זי איז געפאַלן אויף די טרעפּ.

שפּילט זיך ליוסי, שפּילט אביסל.
איך פאַרענדיק דאַן מײַן שפּאַן,
שוין דאָס פערד געצוימט אין וועגל
און דאָס בײַטשל אויך פאַראַן.

„איצטער, ליוסי, קום זיך זעצן,
קריך אין וועגל אָט-אָ-דאָ!
וויאָ! אין שטאָט צו טאַטע־מאַמע!
הײַדאַ, הײַדאַ, הײַדאַ, וויאָ!“

גערגעלע־האָן און הינטעלע־האַווקאָן

אַמאָל האָט אַן אַלטער און אַלטינקע געלעבט אויף דער וועלט, אין גרויס אָרימקייט, הונגער און קעלט; האָבן זיך שטאַרק געמאַטערט און געפּלאַגט און האָבן בלויז אַ הינטל און אַ האָן פאַרמאָגט, וואָס האָבן ביי זיי פון הונגער געדאַרט און געקוואַרט און קיין מאָל צו קיין ביסל עסן זיך ניט דערוואַרט.

זאָגט איינמאָל הינטעלע־האַווקאָן צו גערגעלע־האָן:

— לאָמיר בדודערל, הענדל אין וואַלד אַוועקגיין, ווייל דאָ וועלן מיר נאָך פון הונגער אויסגיין.

ענטפערט גערגעלע־האָן:

— לאָמיר גיין אין וואַלד אַריין, דאָ וועט סיי־ווי קיין גוטס ניט זיין.

זײַנען זײ נעבאַך אַוועק איבער וועג און איבער שטעג. אַוואו די פיס טראָגן האָבן זײ זיך גענומען יאָגן. גײען זײ זיך אַזוי און גײען זיך, דרײען זײ זיך אַזוי און דרײען זיך, ביז עס איז נאַכט געוואָרן און האָבן דעם וועג פאַרלאָרן און פאַרקראָכן אָן אַ זײַט. איז דאָרט געשטאַנען אַ וועלדל ניט ווײַט. האָבן זײ אויסגעקליבן אַ בוים און געמאַכט עס איבערנאַכט פאַר זײער הײם. הענדל איז אויף אַ צווײַג אַרויפגעפלויגן און אײַנגעשלאָפן, ווי נאָר ער האָט צוגעמאַכט מיט די אויגן. און הינטעלע האָט אויסגעפונען בײַ די וואָרצלען פון בוים אַ לאָך, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט װײכן מאָך, זיך צונויפגעדרײט ווי אַ בײגל, צוגעמאַכט מיט אײן אײגל און איז אַזוי אָפּגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט און האָט אפילו קײן אײן מאָל זיך ניט אויפגעכאַפּט.

פאַרטאָג, ווען עס האָבן אָנגעהויבן בלאַס ווערן די שטערן און עס האָט גענומען ליכטיק ווערן, האָט זיך גערגעלע־האָן אויפגעכאַפּט מיט אַמאָל און אויסגערופן:

קו־קו־רע־קו, קו־קו־רע־קו!
גענוג געהאַט שוין רו!
גענוג געלעגן אויף אַ זײַט;
אויפשטײן איז שוין צײַט!

האָט פּיקסל דערהערט ווי דער האָן קרייט און זיך שטאַרק דערפרייט. פּיקסל האָט שוין לאַנג געגלוסט צו אַ שטיקעלע פלייש און טאַקע גלייך געוואָלט פון האָן מאַכן אַן ענדע. גייט פּיקסל צו פּאַמעלאַכקע צום בוים, און רעדט אַזוי, אַז מען הערט עס קוים:

— אָט, סאַראַ האָן, שוין איינמאָל אַ האָן! ס'איז דאָ איצט וואָס אַ קוק צו טאָן. נאָך אַזאַ פויגל האָב איך ניט געזען פון מיין געבוירן אָן. וואָס פאַר אַ רויטן קאַם דו טראָגסט! הײנט דיין שטימע ווי עס קלינגט, עס צעגייט אין יעדן גליד ווען דו זינגסט. פלי אַרונטער צו מיר, מיין טייערער; קום צו מיר צו גאַסט, מיין קרוין.

— וואָס וועל איך ביי דיר טאָן? פרעגט דער האָן.

— ביי מיר איז אַ פרייד הײנט, האָנעלע פריינט, וועלן מיר פאַרברענגען אַביסל. כ'האָב אָנגעגרייט אַרבעס אַ פולע שיסל, פיל דו ווילסט — עס און אין הונגער פאַרגעס.

— גוט, ענטפערט הענדל, איך וועל גיין, אָבער איך קען ניט אַליין, איך האָב מיט זיך אַ פריינט

— אַט סאַראַ גליק איך האָב הײַנט, טראַכט זיך פּיקסל, שטאָט אײַן האָן, וועל איך האָבן מיט צוויי צו טאָן און פּיקסל טוט אַזוי אַ פרעג צוקער־זים:

— וואו איז ער דײַן פרײַנט וועל איך אים רופן געווים.

ענטפערט הענדל:

— אָט דאָרטן אונטן אין לאָך, ער שלאָפט נאָך. פּיקסל גיט זיך צו דער לאָך אַ לאָז, הינטעלע־האַווקאָן — אַ כאַפּ פאַר דער נאָז... כאַפּ־לאַפּ־צאַפּ... און פאַרן העלזל אַ ביס און פּיקסל ליגט טויט אויסגעצויגן מיט די פיס.

דער רויטער האָן.

טשירי באָם, טשירי באָם —
געווען בײַ אונז אַ רויטער האָן.
ווײסט ניט קײנער ניט פֿאַרוואָס,
בײַ אים אַזאַ־אָ לאַנגע נאָז!
ווײסט ניט קײנער ניט פֿאַר ווען,
בײַ אים אַזוינע לאַנגע ברעם!

טשירי באָם, טשירי באָם —
געווען אַזאַ איז אונזער האָן:
גערעדט האָט פּויליש אויף אַ קול,
געהאַט אַן אײגענעם אַן אָל,
און גענײט געשווינט און גיך
פֿאַר אײן כאַפּ די בעסטע שיך.
גענײט אַזוי אַ גאַנצן יאָר,
פֿאַרדינט זיך אוירינגלאַך אַ פּאָר —
אוירינגלאַך, ווי פֿײַער־פּלאַם,
און דערצו — אַ רויטן קאַם.



שָׂרֶהלע. יוֹם-טוֹב. תָּמִיד. שַׁלַח-מָנוֹת.
הָמָן. שִׂמְחָה.

שרהלע מיטן רויטן היטעלע.

געווען אַמאָל אַ מײדעלע שרה'לע, האָט איר די באָבע אויף יום־טוב געשאָנקען אַ רויט היטעלע. דאָס היטעלע האָט איר זייער געפּאַסט. זי פלעגט עס תמיד טראָגן אין גאַס, און אַלע האָבן זי גערופן רויט־היטעלע.

אײן מאָל, פּורים, זאָגט צו איר די מאַמע:

— טו אָן דאָס רויט היטעלע, נעם אַ המן־טאַש, שטראָדל, א פּורים־קויליטש, פלאָדן, און טראָג דער

באָבען שלח־מנות, נאָר זע, זאָם זיך ניט לאַנג אין וואַלד. וואָלף איז היינט בייז, פוקסן זוכן קעז. גייט געזונט און קום געשווינט.

שרה׳לע האָט אָנגעטאָן דאָס רויטע היטעלע, גענומען המן־טאַש, שטרודל, אַ פּורים־קוילִיטש, פלאָדן, זיך געזעגנט מיט דער מאַמען און אַוועק צו דער באָבען.

גייט זיך שרה׳לע אין וואַלד און טראַכט אַלץ: וואו זעט מען וואָלף, וואָס איז בייז? און פוקס, וואָס זוכט קעז?

און ווי זי טראַכט אַזוי, באַווייזט זיך פאַר איר אַ וואָלף.

— גוט־פּורים, מיידעלע! וואו גייסטו עס אַזוי אין וואַלד?

— איך טראָג דער באָבען שלח־מנות. אָט איז אַ המן־טאַש, שטרודל, אַ פּורים־קוילִיטש, פלאָדן.

— ווייסטו וואָס, מיידעלע? זאָגט דער וואָלף, איבל לויפן אָנזאָגן דער באָבען, אַז דו קומסט איר שלח־מנות טראָגן.

וואָלף האָט זיך הענדום־פּענדום געלאָזט לויפן, די באָבעס שטיבעלע געטראָפן, און אין טירעלע אָנגעהויבן קלאַפּן:

טוק־טוק־טוק־טוק.

— באָבעניו, באָבעניו, עפן מיר אויף! דאָס בין איך רויט־היטעלע, דיר געבראַכט שלח־מנות.

— גיב מיטן הענטעלע אַ צי דאָס שנירעלע, וועט זיך עפענען דאָס טירעלע.

וואָלף האָט אַ צי געטאָן דאָס שנירעלע, געעפֿנט דאָס טירעלע, אַרײַן אין שטיבעלע, צו באָבעס בעט צוגעלאָפֿן, און — האַם־האַם! האַם־האַם! די באָבעשי אײַנגעשלונגען.

דערנאָך אירע קלײדער אָנגעטאָן און זיך צו איר אין בעט אַרײַנגעלײגט.

און רויט־היטעלע איז געגאַנגען אין וועלדעלע, זיך געיאָגט נאָך אַ שמעטערלינג, געהוידעט אויף אַ ברעטעלע, און ערשט פֿאַרנאַכט צו באָבעס שטי־בעלע געקומען.

טוק־טוק, טוק־טוק!

— באָבעשי, באָבעשי, עפֿן מיר אויף! דאָס בין איך, רויט־היטעלע, דיר געבראַכט שלח־מנות. אָט איז אַ המן־טאַש, שטרודל, אַ פּורים־קוילעטש, פֿלאָדן.

— גיב מיטן הענטעלע אַ צי דאָס שנירעלע, וועט זיך עפֿענען דאָס טירעלע,—זאָגט דער וואָלף.

דאָס מײדעלע האָט מיטן הענטעלע אַ צי גע־טאָן דאָס שנירעלע, געעפֿנט דאָס טירעלע, אין שטיבעלע אַרײַן, צו באָבעס בעט צוגעלאָפֿן און פֿאַרוואונדערט שטיין געבליבן.

— באָבעשי, באָבעשי! וואָס האָסטו אַזעלכע לאַנגע פֿיס?

— איך זאָל בעסער לויפן, מײַן פֿײגעלע.

— באָבעשי, באָבעשי! וואָס האָסטו אַזעלכע לאַנגע הענט?

— איך זאָל דיך בעסער אַרומנעמען, מײַן אוצרל.

— באָבעשי, באָבעשי! וואָס האָסטו אַזעלכע ברענענדיקע אויגן?

— איך זאָל דיך בעסער זען, מײַן גאָלד.

— באָבעשי, באָבעשי! וואָס האָסטו אַזעלכע שפּיציקע ציין?

— איך זאָל דיך אויפֿעסן!

וואָלף האָט ברייט ס'מויל געעפֿנט און זיך אויף שרה'לען געלאָזט.

האָט זי אַ גרויסן געשריי געטאָן. ניט ווײַט איז שמחה דער וואַסער־טרעגער געגאַנגען, איז ער אין שטיבעלע אַרײַן, דעם וואָלפֿס בויך צעגומען און די באָבע, אַ פֿרישע, אַ לעבעדיקע, אַרויסגענומען.

האָבן זיי זיך שטאַרק געפֿרייט, זיך אין ראָד געדרייט, אַ פּורים־קוילעטש אין־דער לענג, אַ המן־טאַש אין דער ברייט, — און ס'איז גרויס געווען די פֿרייד.

חַנָה. מֹשֶה. פֵּסח.

•• = ׳׳
••

דאָס גאָלדענע קײַקעלע.

געווען אַמאָל אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל — חנהלע און משהלע.

ס'איז געווען פאַר פּסח. בײַ אַלע קינדערלאַך איז שוין געווען אָנגעגרייט אויף יום־טוב נײַע קליידעלאַך מיט נייע שיכעלאַך. נאָר משהלע מיט חנהלען האָבן גאָרנישט ניט געהאַט. דער טאַטע איז געווען קראַנק און זיי גאָרניט געקאָנט קויפן.

חנהלע מיט משהלען האָבן אַלץ געוואַרט. אויף נײַע שיכעלאַך מיט נײַע קליידעלאַך, נאָר ס'איז שוין ווײַט נאָך פּורים און קײן נײַע שיכעלאַך מיט נײַע קליידעלאַך איז נאָך אַלץ ניטאָ.

חנהלע מיט משהלען האָבן זיך אויף דער פּריזבע אַוועקגעזעצט. זיי זײַנען געווען פאַרזאָרגט און זיך געשעמט פאַר די חברטעס ווײַזן.

חנהלע האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

מיט אַמאָל האָט זיך אַן אַלטער מאַן פאַר זיי באַוויזן, מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד, מיט לאַנגע ווײַסע ברעמען און מיט אויגן ליכטיקע, ווי שטערן.

ער איז צו זיי צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— קינדערלאַך, קינדערלאַך! וואָס וויינט איר?

— ווי אַזוי זאָלן מיר ניט וויינען, אַלע קינדער־לאַך האָבן נייע שיכעלאַך מיט נייע קליידעלאַך אויף יום־טוב און מיר האָבן גאָרניט.

— שאַט. קינדערלאַך! וויינט ניט. נאַט אייך בעסער שפּילעכלאַך, צוויי גאָלדענע קייקעלאַך.

און דער אַלטער איז פאַרשוואונדן.

חנהלע מיט משהלען האָבן גענומען די קײַקע־לאַך באַטראַכטן. האָבן זיך די קײַקעלאַך פון די הענט אַראָפּגעגליטשט און קײַקלען אָנגעהויבן.

משהלע מיט חנהלען האָבן זיך געלאָזן נאָך די קײַקעלאַך לויפן.

די קײַקעלאַך קײַקלען זיך באַרג אַרויף, משהלע מיט חנהלען לויפן באַרג אַרויף.

די קײַקעלאַך קײַקלען זיך באַרג אַראָפּ, משה־לע מיט חנהלען — באַרג אַראָפּ.

ביז די קײַקעלאַך האָבן זיך פאַרקײַקלט אין אַ טיפן, טיפן וואַלד אַרײַן.

משהלע מיט חנהלען זײַנען שוין מיד, נאָר די קײַקעלאַך קײַקלען זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און משהלע מיט חנהלען לויפן אַלץ ווײַטער און ווײַטער.

מיט אַמאָל האָבן זײ פון ווײַטן אַ שטיבעלע דערזען. די קײַקעלאַך האָבן זיך אין שטיבעלע אַרײַנגעקײַקלט, משהלע מיט חנהלען זײַנען נאָך זײ אין שטיבעלע אַרײַן.

האָבן זײ אין שטיבעלע דערזען:

צוויי גאָלדענע בעטעלאַך, מיט רויטע זײַדענע קישעלאַך, מיט גאָלדענע פיס־בענקעלאַך. די קײַ־קעלאַך האָבן זיך אונטער די בעטעלאַך אַרונטער געקײַקלט און דאָרטן ליגן געבליבן.

משהלע מיט חנהלען האָבן זיך שלאָפן גע־לייגט אין די גאָלדענע בעטעלאַך.

משהלע שלאָפט אין זיין בעטעלע און אונטן ליגט זיין גאָלדן קיַיקעלע. חנהלע ליגט אין איר בעטעלע און אונטן — איר גאָלדן קיַיקעלע

גאַנץ פרי האָט זיך משהלע אויפגעכאַפּט און אין צימערל אַ קליין טירעלע דערזען. האָט ער חנהלען אויפגעוועקט, צוזאַמען דאָס טירעלע געעפנט און אין אַ קליין שטיבעלע אַריַינגעגאַנגען.

זעען זיי אויף אַ טישעלע אַ גאָלדן קליידעלע, גאָלדענע שיכעלאַך, זיַידענע זעקעלאַך און אַ רויט זיַידן סטענגעלע. און אויף דעם צווייטן טישעלע— רויטע זיַידענע הייזעלאַך מיט גאָלדענע קנעפּע־לאַך, גאָלדענע שיכעלאַך, אַ רויט זיַידן היטעלע מיט אַ גאָלדן קוטאַסל.

משהלע מיט חנהלען האָבן די קליידעלאַך אָנגעטאָן — פונקט נאָך זייער מאָס. זיי האָבן די שיכעלאַך אָנגעטאָן — פונקט גוט. האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט, געשפּרונגען און געטאַנצט, נאָר פּלוצים איז חנהלע טרויעריק געוואָרן.

— ווי וועלן מיר אַהיים גיין,—זאָגט זי משהלען.

— שאַ, זאָרג ניט. כ׳וועל דאָס קיַיקעלע בעטן, וועט דאָס אונז אַהיים פירן.

משהלע איז צום קיַיקעלע צוגעגאַנגען און בעטן אָנגעהויבן :

קײַקעלע, דו שײנס,
קײַקעלע, דו קלײנס,
פֿיר אונז פֿונם װעלדעלע
צו טאַטע־מאַמעס שטיבעלע...

טור—טור—טור—האָבן די קײַקעלאַך זיך קײַקלען אָנגעהייבן. משהלע מיט חנהלען זײַנען נאָך די קײַקעלאַך נאָכגעלאָפֿן.

די קײַקעלאַך קײַקלען זיך באַרג אַרויף—משהלע מיט חנהלען לויפֿן באַרג אַרויף. די קײַקעלאַך קײַקלען זיך באַרג אַראָפּ, משהלע מיט חנהלען — באַרג אַראָפּ. ביז זײ האָבן פֿון װײַטן זײער שטי־בעלע דערזען.

זײַנען זײ מיט פֿרײד אין שטיבעלע אַרײַנגע־לאָפֿן.

— טאַטעשי, מאַמעשי!...

האָבן טאַטע־מאַמע ניט דערקענט און גע־פֿרעגט:

— װער איז דער פּרינץ מיט דער פּרינצעסין?—

מאַמעשי, דו דערקענסט אונז ניט? — האָבן די קינדער אויסגעשריען.

די מאַמע האָט זײ אין די אויגן אַרײַנגעקוקט און משהלען מיט חנהלען דערקענט.

די קינדערלאַך האָבן דער מאַמען אַלץ דער־צײלט.

האָט זי זיך שטאַרק דערפֿרײט, זײ געקושט, געהאַלזט, געאַרעמט, געטאַנצט.

זײ האָבן געטרונקען, געגעסן און אליהו הנביא ניט פֿאַרגעסן.

חַ = אַק   כּ = ק

נח. כּח.

דער רעטאַך.

אַ גאַנצן ווינטער איז דער זיידע נח געזעסן אויפן אויוון, אַז דער פרילינג איז געקומען, האָט זיך דער זיידע נח פאַר דער אַרבעט גענומען און פאַרזעצט אַ רעטאַך. איז געקומען דער זומער, איז דער רעטאַך אויסגעוואַקסן אַ גרויסער און אַ געראָטענער.

האָט דער זיידע נח געוואָלט דעם רעטאַך פון דער ערד אַרויסשלעפן. ער שלעפט און ציט, ציט און שלעפט און אַרויסשלעפן דעם רעטאַך קאָן ער ניט.

האָט דער זיידע נח די באָבע זלאַטע גערופן, זי זאָל העלפן דעם רעטאַך פון דער ערד אַרויסשלעפן. די באָבע זלאַטע שלעפט דעם זיידן פאַר דער קאַפּאָטע, דער זיידע נח שלעפט דעם רעטאַך מיטן גאַנצן כּח, זיי שלעפן-ציען, ציען-שלעפן, נאָר אַרויסשלעפן דעם רעטאַך קאָנען זיי ניט.

האָט די באָבע זלאַטע גערופֿן איר אייניקל פֿרייַדל. דאָס אייניקל פֿרייַדל שלעפּט די באָבע פֿאַרן קלייַדל, די באָבע זלאַטע שלעפּט דעם זיידן פֿאַר.דער קאַפּאָטע, דער זיידע נח שלעפּט דעם רעטאַך מיטן גאַנצן כּח, זיי שלעפּן-ציִען, ציִען-שלעפּן, נאָר אַרויסשלעפּן דעם רעטאַך קאָנען זיי ניט.

האָט דאָס אייניקל פֿרייַדל גערופֿן דאָס הינ־טעלע-טרעפּעלע. הינטעלע-טרעפּעלע שלעפּט דאָס מיידל פֿאַרן צעפּעלע, דאָס אייניקל פֿרייַדל שלעפּט די באָבע זלאַטע פֿאַרן קלייַדל, די באָבע זלאַטע שלעפּט דעם זיידן פֿאַר דער קאַפּאָטע, דער זיידע נח שלעפּט דעם רעטאַך מיטן גאַנצן כּח, זיי שלעפּן-ציִען, ציִען-שלעפּן, נאָר אַרויסשלעפּן דעם רעטאַך קאָנען זיי ניט.

האָט דאָס הינטעלע-טרעפּעלע גערופֿן דאָס קעצעלע-דראַפּקעלע. קעצעלע-דראַפּקעלע שלעפּט דאָס הינטעלע פֿאַר אַ לאַפּקעלע, הינטעלע-טרע־פּעלע שלעפּט דאָס מיידעלע פֿאַרן צעפּעלע, דאָס אייניקל פֿרייַדל שלעפּט די באָבע פֿאַרן קלייַדל, די באָבע זלאַטע שלעפּט דעם זיידן פֿאַר דער קאַפּאָטע, דער זיידע נח שלעפּט דעם רעטאַך מיטן

גאַנצן כח, זײ שלעפּן-ציען, ציען-שלעפּן, נאָר אַרויס-
שלעפּן דעם רעטאַך קאָנען זײ ניט.



האָט דאָס קעצעלע-דראַפּקעלע גערופן דאָס מײַזעלע-ברעקעלע. מײַזעלע-ברעקעלע שלעפּט דאָס קעצעלע פאַרן לאַפּקעלע, הינטעלע - טרעפּעלע שלעפּט דאָס מײדעלע פאַרן צעפּעלע, דאָס אײניקל פרײדל שלעפּט די באָבע פאַרן קלײדל, די באָבע זלאַטע שלעפּט דעם זײדן פאַר דער קאַפּאָטע, דער זײדע נח שלעפּט דעם רעטאַך מיטן גאַנצן כח, זײ שלעפּן-ציען, ציען-שלעפּן, און האָבן קוים דעם רעטאַך פון דער ערד אַרויסגעריסן.

דער זײדע קוועלט, דער רעטאַך אים געפעלט, די באָבע זינגט, דאָס אײניקל שפּרינגט, דאָס הינטעלע האַווקעט, דאָס קעצעלע ניאַווקעט, און דאָס מײַזעלע-ברעקעלע פאָכעט מיטן עקעלע.

דער אלף בית

א. אלף — אלעף
ב. בית — ביים
ג. גימל — גימל
ד. דלת — דאַלעט
ה. הא — היי
ו. וו — וואָוו
ז. זין — זייען
ח. חית — כעס
ט. טית — טעס
י. יוד — יוד
כ. כף — קאַף
ך. לאַנגער כאַף
ל. למד — לאַמעד

מ. מם — מעם
ם. שלוס־מעם
נ. נון — נון
ן. לאַנגער נון
ס. סמך — סאַמעך
ע. עין — איען
פ. פה — פיי
ף. לאַנגער פיי
צ. צדיק — צאַדיק
ץ. לאַנגער צדיק
ק. קוף
ר. ריש — רייש
ש. שין
ת. תו — טאָוו

נקודות: פתח, קמץ, סגל, חיריק, צירה, שורוק, חולם.

אָפּשטעל צייכנס

(.) — פונקט. (,) — קאָמע. (;) — לאַנגע קאָמע.
(:) — צוויי־פונקט. (?) — פרעג־צייכן. (!) — אויס־רוף־צייכן. (—) שטריך. („“) — פרעמד־צייכנס.
(()) — רינגעלאך

צו די לערער

„אידיש פאַר אָנפאַנגער, א״ איז צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט פאָלגנדיקע פרינציפּן:

קיין מעכאַנישע איבונגען, נאָר באַוואוסטזיניקער לייענען.

דאַריבער איז דער גאַנצער ווערטער און בילדער מאַטעריאַל, וואָס קומט אַריין אין בוך, ענג פאַרבונדן מיטן קינדער־לעבן, מיט פּאַסירונגען פון קינדס היים, און קינדס סביבה.

מיר האָבן זיך באַמיט, אויף וויפיל ס׳איז נאָר מעגלאַך, צו געבן פון די ערשטע לעקציעס אָן אַ לייען מאַטעריאַל, וואָס זאָל אַנטהאַלטן אין זיך דעם דערציילערישן און מעשה עלעמענט.

מיר האָבן אויסגעקליבן די מעטאָדע, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו אידיש, ווי אַנדערע מעטאָדעס — די ריינע פאָנישע מעטאָדע.

קיין אַבסאָלוט אידעאַלע מעטאָדע איז בכלל ניטאָ. יעדע מעטאָדע האָט אירע מעלות און חסרונות. די וויזועלע מעטאָדע, וואָס איז גוט פאַר ענגליש, איז אָבער בשום אופן ניט צוגעפּאַסט פאַר אידיש.

עס איז אַ טעות צו מיינען, ווי ס׳איז לעצטנס אָנגענומען געוואָרן ביי אַ טייל לערער, אַז די פאָנישע מעטאָדע איז פאַרעלטערט, אַז דאָס איז דער „פאַרצייטיקער״ „קמץ אַלף אָ״.

ביי אַן ערנסטער באַציאונג און צוגרייטונג צו דער אַרבעט, קאָן מען מיט דער אַנאַליטיש־סינטעטישער מעטאָדע, וואָס איז באַזירט אויפ׳ן קלאַנג, גאַנץ אינטערעסאַנט און לעבעדיק דורכפירן אפילו די ערשטע לעקציעס.

נאַטירלאַך, מוז מען ביי די ערשטע 5-6 לעקציעס, ווען ס׳קומט אויס צו אַפּעלירן מיט געציילטע אותיות־קלאַנגען, ווען דער לייען מאַטעריאַל איז שטאַרק באַגרעניצט, — באַנוצן זיך אויך מיטן באַוועגלאַכן אַלף־בית כדי צו פאַרפיקסירן אין קינדס זכרון די געהעריקע אותיות.

מיר גיבן כמעט ביי יעדער לעקציע די אותיות אין געדרוקטער און געשריבענער פאָרם.

מיר הייבן אָן מיטן געדרוקטן אות און דערגאַנצן יעדע לעקציע, ביז עס פאַרענדיקט זיך דער אַלף־בית, מיטן געשריבענעם אות.

ביידע עלעמענטן פון דער פאָנישער מעטאָדע: דאָס לייענען־אַנאַליזירן און שרייבן־סינטעזירן — דאַרפן אַרויסהעלפן און דערגאַנצן איינס דאָס אַנדערע.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון די געשריבענע לעקציעס קאָן אויסגענוצט ווערן אַלס זעלבסטשטענדיקער מאַטעריאַל פאַר געשפּרעכן מיט די קינדער. זיי טאָרן בשום אופן ניט אויסגענוצט ווערן בלויז צום מעכאַנישן איבער־שרייבן פון בוך.

די אָרטאָגראַפיע פון בוך איז, נאַטירליך, די נייע.

מיר האָבן גענומען אין אַכט פריער פאַר אַלץ דעם פּראַקטישן אָדער „שטומען" „א" אין אָנהויב פון וואָרט. ער קומט אין דער זיבעטער לעקציע צוזאַמען מיטן פריער געגעבענעם „י"־וואָקאַל, אין דער צוועלפטער לעקציע צוזאַמען מיטן „ו"־וואָקאַל, אין דריי און צוואַנציקסטער לעקציע מיט „וו"־„וי".

די שלוס אותיות „ן", „ך", „ם" קומען פריער, שפּעטער קומען די שלוס־אותיות „ף" און צום סוף דער „ץ".

דער שטומער „א" צווישן וואָוון, די צוזאַמענגעזעצטע אותיות „זש", „טש", דער ווייכמאַכנדיקער „י" קומען אין באַזונדערע לעקציעס.

מיר האָבן זיך באַמיט, אַז דער בילדער מאַטעריאַל, וואָס אילוסטרירט דעם טעקסט, זאָל זיין קינסטלעריש ווערטפול און פאַרשטענדלאַך פאַר קינ־דער. אַלע בילדער זיינען געצייכנט פון יהודה גאָמבערג. דריי בילדער זיינען רעפּראָדוקציעס פון דייטשע קונסט־ווערק. צוויי זיינען גענומען געוואָרן פון „קינדער זשורנאַל".

דער העברייאישער עלעמענט ווערט ניט אריינגעטראָגן אין בוך. בלויז אין סוף בוך ווערן אין דריי מעשות אַריינגעפירט העברייאישע ווערטער, כדי צו געבן אַ מעגלאַכקייט די לערער צו באַקענען די קינדער מיט אַ טייל פון די העברייאישע נקודות און אותיות.

דעם דאָזיקן מאַטעריאַל קאָנען די לערער אויסנוצן אין אָנהויב פון צווייטן לערן־יאָר.

מיר מיינען, אַז ס'איז פאַראַן אַ דרינגנדיקע באַדערפניש אין אַ לערנבוך פאַר אָנפאַנגער, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר דער וועלטלאַכער אידישער שול אין אַמעריקע.

מיר דאַנקען פאָראויס די חברים לערער פאַר די ביז איצטיקע און ווייטערדיקע זאַכלאַכע אָנווייזונגען, און וועלן ווייטער באַמיען אויסבעסערן די חסרונות אין די קומענדיקע אויפלאַגעס.

אַ האַרציקן דאַנק קומט די חברים לערער פון די אַרבעטער רינג שולן און שלום עליכם פאָלקס אינסטיטוט, און דער פאַרוואַלטונג פון „קינדער זשורנאַל" פאַר זייערע פריינטלאַכע עצות און הילף.

ד י מ ח ב ר י ם.

יאַנואַר, 1930 — ניו יאָרק.

אינהאַלט

זייט

א, מ ... 3

ל, ע ... 4

אָ, ש ... 5

ר, פ ... 7-6

ס, ט ... 8-7

נ, י. — אַ ניסעלע ... 9-8

אי ... 10

ן. — אַ פּאָן ... 12-11

כ, ך. — איך מאַך שיך ... 13-12

ו. — סעמעלע שוסטער ... 15-14

אוּ. — סעמעלע און איטעלע ... 15

ם, ה. — האַם, האַם, הינטעלע ... 17-16

ג, יי. — גיי, גיי, גיטעלע ... 19-18

פליט אַ פייגעלע ... 19

ז. — זומט אַ פליג ... 21-20

ד. — דין... דין... דין ... 22-21

אינדעלע מינדעלע ... 23

יי. — אַ מייזעלע ... 24

ק. וי. — אַ הויז מיט אַ קוימען ... 27-26-25

ב. — אַ ביכעלע פאַר בערעלען ... 29-28

בעני דער מייסטער ... 30

קוקאַריקו האָן. ליד, נחום י. ... 31

פּ. — פּערעלע ... 33-32

האָפּ, האָפּ, האָפּ. ליד, רויזנבלאַט ... 34

ף. — פּערעלע אַף דער פּאַרם ... 37

וו. — אַ וויגליד ... 38

דער וואָלף ... 39

וואו. — וואו וואוינט מייזעלע-גרייזעלע ?

לויט אפאנאסיעוו. אידיש, י. קאַמינסקי ... 41-40

אוי. איי. — שטערן פאלן ' 43-42
די מומע זעלדע. ליד, קאפילאָוויץ 43
צ. — ציפ־צאפ עמערל. פאָלקס־ליד 44
צום פרילינג. ליד, ראָזענבוים 44
אינגעלע־צינגעלע מארגאָלין 46-45
פיר צייטן פון יאָר. ליד, שיפרים 50-49-48-47
פיר מאָל. פון די לעבעדיקע קלאַנגען 52-51
בלומע בלוי אייגעלע. כאוואַר־פאוער 53-52
אַ רעגנדל. ליד, גאָרעליק 54
ץ. — אַ ציגעלע פאר צוויי גילדן. ליד, י. ל. פרץ 56-55
די קאַץ אין מארק. ליד, נחום י. 56
די קאַץ און דער אָדלער 58-57
טש. — אויף דעם הויכן בארג. פאָלקס־ליד 59
דער ליגנער 60
דער ערשטער שניי. ליד, סעגאַלאָוויטש 60
דאָס שניי מענטשעלע. פון מיין בוך 62-61
אויפ'ן גליטש. ליד, גיטליץ 63
זש. — צוויי זשאַבעס. ליד, נחום י. 64
הירזשענע קאַשע. אַ פאָלקס־מעשה 66-65
יע. יאַ. יאָ. — דער יעגער. ליד, י. ל. פרץ 68-67
ליו. ליאָ. — מיין ליוסי. ליד, קוויטקאָ 71-70-69
גערגעלע האָן און הינטעלע האַווקאָן
לויט אפאנאסיעוו. אידיש, י. קאמינסקי 76-75-74-73-72
דער רויטער האָן. ליד, קיפינס 76
שרהלע מיטן רויטן היטעלע. באארבעט פון גיטליץ 81-80-79-78-77
דאָס גאָלדענע קייקעלע. לויט בערגלסאָן,
באארבעט פון גיטליץ 86-85-84-83-82
דער רעטאך. פון רוסיש, באארבעט פון סידעלקאָווסקי 89-88-87

ב. אסטראָווסקי ש. הורוויץ

אידיש פאַר אָנפאַנגער

„ב"

שיין אילוסטרירט

פון

נ. קאָזלאָווסקי

דריטע אויסגעבעסערטע אויפלאַגע

פאַר שולן — — 50 סענט

ב. אסטראָווסקי ש. הורוויץ

אידיש

כרעסטאָמאַטיע

פאַרן דריטן און פערטן לערן יאָר

צווייטע אויסגעבעסערטע אויפלאַגע

192 זייטן מיט בילדער און אילוסטראַציעס

שיין געבונדן

פאַר שולן — — 75 סענט

צו באַקומען ביי מ. נ. מייזל

424 גרענד סטריט

ניו יאָרק.